# הלכות ביים שבת טיש



יו"ל ע"י חברת יגדיל תורה דחסידי בעלזא - אנטווערפן בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

להערות והארות טל': 32488417322+ מייל: shabbestish@gmail.com

## שאלות ותשובות לליל שבת

הלכות משחקי ילדים ועוד

**א. מעג מען שפילן מיט קוגעלעך (חמש אבנים) אין א הויז אדער אין חצר?**

אין א הויז מעג מען אבער אין א הויף טאר מען נישט אפילו אויב עס איז געפלאסטערט (ווייל מען איז גוזר אטו קרקע שאינו מרוצף, און מען האט מורא אז מען וועט קומען גלאט מאכן די ערד פאר די געברויך פון די שפיל).

**ב. מעג מען שפילן מיט א באל אין הויף?**

אויב מען שפילט מיט די פוס אזוויי פוסבאל טאר מען נישט, אזוי ווי ביי די פריערדיגע שאלה, אבער ווארפן אין די לופט פון איין הענט צו די אנדערע הענט אדער טעניס אדער ווארפן אויף א טיש אזוי ווי פינק פאנג מעג מען.

**ג. מעג מען זיך שפילן מיט מונופול - בעלזא בעולם, וואס די שפיל איז איינצוקויפן מיט פאלשע געלט, און וואס איז די דין צו שפילן דריידל און ווער עס געווינט וועט פארדינען צ.ב. נאש?**

מונופול זאל מען לכתחילה זעהן צו איינגעוואוינען די קינדער זאלן נישט שפילן מיט דעם, מיט א דריידל טאר מען נישט שפילן ווייל היות מען פארדינט צום סוף זאכן וואס איז ווערד געלט, איז עס דומה צו מקח וממכר.

**ד. א טאטע וואס זעהט זיינע קינדער זיך שפילן מיט איינע פון די אויבערדערמאנטע שפילן איז ער מחוייב מוחה צו זיין?**

מען דארף נישט מוחה זיין וועגן מוטב שיהיו שוגגין וכו׳, אבער אויב די קינד קומט פרעגן אויב מען מעג שפילן, דארף מען זאגן אז נישט.

**ה. אויב מען האט זיך דערמאנט אינמיטן שבת אז מען האט נאכנישט אפגעשייד קיין חלה פון די חלה טייג וואס דארף מען טוהן?**

אין חו"ל וואס די איסור חלה איז אייביג נאר מדרבנן, מעג מען עסן די חלות און מען זאל איבערלאזן איין חלה [אדער א שטיקל חלה] וואס פון דעם וועט מען אראפנעמען חלה נאך שבת, אין ארץ ישראל טאר מען נישט עסן פון די חלות ביז מען וועט מפריש זיין חלה נאך שבת.

## שאלות ותשובות ליום השבת

הלכות דברים האסורים משום שבות

**א. מעג מען שווימען אין א טייך אדער אין א מקווה?**

אין א טייך טאר מען נישט אבער אין א קאלטע מקווה וואס האט ווענט און די וואסער גייט נישט ארויס, מעג מען.

**ב. איינער וואס טובל'ט זיך אין א טייך און עס איז דא דארט שמוץ מעג מען עס אוועקריקן מיט די הענט?**

ניין, ווייל עס גייט אריין אין די איסור פון מאכן שווימען חפצים, אבער אין א מקווה וואס האט ווענט און די וואסער גייט נישט ארויס מעג מען מאכן שווימען חפצים, אבער ביי שמוץ אדער האר דארף מען אויפאסן נישט צוקומען צו די איסור פון בורר און מוקצה.

**ג. מעג מען צוזאגן געלט אדער ספרים פאר א בית המדרש, מעג מען ברענגען א ספר און מנדב זיין פארן בית המדרש?**

מנדב זיין געלט אדער זאגן אז מען גייט קויפן א געוויסע ספר און מנדב זיין פארן בית המדרש מעג מען, אבער מען טאר נישט ברענגען א ספר בפועל און עס מנדב זיין פארן בית המדרש, ווייל מען טאר נישט מקדיש זיין, ווייל עס איז דומה צו מקח וממכר.

**ד. מעג מען ענדיגן א שידוך אין שבת?**

מען טאר נישט ענדיגן מיט א קנין ווייל מען האט מורא אז מען וועט קומען צו שרייבן , אבער צוזאגן מיט די מויל אז מען גייט ענדיגן די שידוך מעג מען.

**ה. א קינד א בכור וואס איז געבוירן דאנערשטיג, און די דרייסיגסטע טאג פאלט שבת, ווען דארף מען מאכן די פדיון הבן?**

מוצאי שבת אדער זונטאג.

**הוספה אויף די גליון פון פאריגע וואך**

1. אין ספר שמירת שבת כהלכתה (מהדורה החדשה) ווערט געפאסקנט אז מען מעג ריקן די ווייזער פון א וועקער-זייגער וואס ארבעט אויף באטערי (נישט א דיגיטאלישע) כדי ס'זאל קלינגען מארגן אין די ריכטיגע שעה, אויך מעג מען אויפהייבן די קנעפל ס'זאל קלינגען מארגען לצורך מצוה.

2. ווען שפילערייען ביי בחורים אינדערוואכן, אזוויי ס'איז דא פעלער וואס ס'פאדערט זיך פאר די געזונט פונעם נפש וכדומה, זאל מען זיך אדורכרעדן מיט די אייגענע מחנכים און רבנים.

## מעשה רב

מען דערציילט אויף דער דברי חיים פון צאנז זי"ע ווען ער איז געווען א קינד האט ער זיך געשפילט מיט קיינעס (סכך), ווען ער איז עלטער געווארן און האט פארשטאנען אז דאס איז מוקצה האט ער געהאט גרויס צער פון דעם אז ער פלעגט זיך שפילן מיט א זאך וואס איז מוקצה, אבער נאך וואס ער האט געלערנט הלכות מוקצה האט ער געזעהן אז אויב מען גרייט עס צו פון פאר שבת איז עס נישט מוקצה, האט ער זיך בארוהיגט, ווייל די שפיל פלעגט מען צוגרייטן פון פאר שבת.

# שאלות ותשובות בלשון הקודש

## שאלות לליל שבת

### האם מותר לשחק בשבת במשחקים הבאים:

### א. משחק גולות או חמש אבנים בבית או בחצר.

בכלל 'שוחקים באגוזים' המבו' בשו"ע וברמ"א (ה) שעל קרקע שאינה מרוצפת יש לאסור משום שיש לחוש שיבואו להשוות גומות שבקרקע לצורך המשחק, ולענין קרקע מרוצפת מבו' במ"ב (סק"כ) לאסור אטו קרקע שאינו מרוצף, אכן בזמננו שרוב בתי העיר מרוצפים יש להתיר, וכפי שנת' בסי' של"ז לענין כיבוד הבית (שש"כ פט"ז ס"ה), ודוקא בקרקע מרוצפת בבית, אבל קרקע מרוצפת בחצר יש לאסור אף בזמננו, כיון שרוב חצירות אינם מרוצפות, ולכן, אין להתיר לשחק בגולות ובחמש אבנים מחוץ לבית בשום אופן, אפי' על מדרכה או על קרקע בטון שבחצר, ועל שולחן או על שטיח מותר אפילו בחצר שאין שייך לגזור בהם משום אשוויי גומות (מ"ב דרשו הע' 20).

### ב. משחק בכדור.

ולענין משחק בכדור, נת' בסי' ש"ח שיש מח' אם הכדור מותר בטלטול בשבת, ומ"מ אף באופנים שאין בהם איסור מוקצה יש לחוש בהם לאיסור מחשש אשוויי גומות, ולפי האמור לעיל, אין להתיר משחק בזה מחוץ לבית בשום אופן.

### ג. משחק 'זוג או פרד' בגרעיני משמש,משחק המונופול וה'דריידעל'.

ברמ"א נת' שאסור לשחק ב'תם וחסר', כיון דהוי כמקח וממכר, וכוונתו על משחק 'זוג או פרד' באופן שהיו מרויחים ומפסידים במהלך המשחק כסף או שוה כסף [אף שהיו נוטלים הכסף רק לאחר השבת], וכן הדין לענין המשחק בדריידעל אם משחקים בצורה כזו שיש מרויחים ומפסידים כסף או שוה כסף.

אכן, באופן שמשחקים בחפצים שאין להם ערך כל שהוא, וכמו שמצוי שמשחקים בגרעיני משמש, או שמשחקים משחקי חברה שונים עם כרטיסים וקוביות, ומיד לאחר המשחק מחזירים הכל לקופסת המשחק צידדו הפו' שכיון שאין משחקים בכסף ממש, אין בזה איסור, אף שמשחקים בצורת ריווח והפסד, ומ"מ יש שכתבו שאין זה מכבוד השבת להרגיל ילדים במשחקים כאלו (עיי' מ"ב דרשו הע' 24; שש"כ טז, לב), וכן הדין לענין משחק המונופול, שמשחקים בכסף מדומה שאין בו שום ערך, ומיד לאחר המשחק מחזירים אותם לקופסת המשחק, שראוי שלא להרגיל הילדים לשחק בזה בשבת, ומ"מ אם משחקים אין צריך למחות בהם כדלהלן.

### ד. אב הרואה את ילדיו משחקים באחד מהמשחקים הנ"ל, האם צריך למחות בהם שיפסיק לשחק ?

כ' הרמ"א שבכל המשחקים המבו' בסע' זה אין למחות בילדים המשחקים בהם משום מוטב שיהיו שוגגים ואל יהיו מזידים, ומ"מ אם באים לשאול את האב אם מותר לשחק בודאי שאין להורות להם היתר.

### ד. אם נזכרו בליל שבת ששכחו להפריש חלה מן החלות שאפו לשבת, מה עושים ?

נת' במ"ב (כו) שבכלל איסור הפרשת תרו"מ הוא גם הפרשת חלה, ולפי"ז אם שכחו להפריש חלה בערב שבת, אסור להפריש חלה בשבת והחלות אסורים באכילה, ומ"מ יש בכך כמה אופנים להתיר כדלהלן:

אם נזכרו שלא הפרישו מיד בכניסת השבת נת' להלן סי' שמ"ב שכל הדברים האסורים משום שבות לא גזרו עליהם בין השמשות, ובסי' רס"א נת' להדיא שבכלל זה הפרשת חלה (ובאופן שאירע כן קודם שקיעת החמה והוא נזכר כשהוא בבית הכנסת ואין לו שהות להגיע לביתו ולהפריש, כתבו הפו' [דרשו 29] שיכול להפריש כשהוא בבית הכנסת, אם יודע היכן מונחים החלות, ויכוין שחלה אחת מהחלות תהיה חלה על כל החלות, ואם האשה נזכרה שלא הפרישה לאחר הדלקת הנרות והבעל כבר לא נמצא בבית [עיי"ש הע' 30]).

אם אירע כן בחו"ל שחיוב הפרשת חלה הוא רק מדרבנן נת' במ"ב סי' רס"א שמותר לאכול החלה ולשייר חלה אחת שיפרישו ממנה חלה לאחר השבת, ובארץ ישראל אין היתר זה (ואם אירע כן במצות לליל פסח ואין לו מצות אחרות יש שהתירו להפריש חלה כדי שיוכל לקיים מצות מצה מה"ת - עיי' מ"ב דרשו הע' 30, ומ"מ אם יש לו מצות אחרות שהפרישו מהם חלה או שיכול לבקש משכינו בודאי אין היתר להפריש חלה [אפי' מקפיד לאכול בליל פסח מצות שנאפו בערב פסח או מצות מריחיים של יד דוקא או מצות חבורה וכל כיו"ב]).

## שאלות ליום השבת

### א. האם מותר לשחות במים בשעת טבילה במקוה, ומה דין השוהים בנופש וטובלים בים או בנהר או בבריכה ?

חז"ל אסור לשחות בשבת בנהר ובכל הדומה לו משום שחששו שמא יבואו לתקן חבית של שייטים לשוט ולצוף בו על המים, ולכן, אסור לשחות בשבת בבריכה שמימיה ניתזים לחוץ בשעת השחיה כגון אגם שאין לו שפה גבוהה סביבו, או בריכה המליאה על גדותיה - משום שהוא דומה לנהר, אבל אם אין מימיה ניתזים לחוץ מותר לשחות בה משום שבאופן כזה דומה לכלי (שו"ע ומ"ב סי' של"ט ס"א), ודוקא באופן שמגביה רגליו מהקרקע וצף על פני המים שאז דומה לחבית של שייטים הצפה ע"פ המים, אבל אם אינו מגביה רגליו מהקרקע רק מהלך בבריכה מצד לצד אין איסור בכל אופן (שעה"צ אות א').

אכן, בזמננו נהגו להחמיר שלא לרחוץ בשבת אפי' במים צוננים כמבו' בסי' שכ"ו, ולכן, אין להכנס כלל לבריכה בשבת אלא א"כ רוצה לטבול בה לשם תוספת קדושה [כמבו' שם] (שש"כ פי"ד סי"ב).

ולפי האמור, יש להתיר שחיה במים בשעת טבילה במקוה, ומ"מ באופן שהמקוה חמה כבר למדנו בסי' שכ"ו שאין להשתהות בה יותר מהצריך לטבילה, וכל שכן, שאין לשהות במים כדי לשחות הנה והנה.

### ב. היורד לטבול במקוה, ורואה לכלוך צף על פני המים, האם מותר לסלק הלכלוך לצדדים ע"י שמזיז המים בידיו הנה והנה ?

בשו"ע (ו) נת' שבכלל איסור שטין על פני המים, אסור לאדם להשיט חפצים במים, ומסיבה זו, אין להשיט קיסמין שעל פני המים לכאן ולכאן כדי לנקות המים, וכמבו' במ"ב (לד) איסור זה הוא רק בנהר, ולא בכלי או בריכה שיש לה דפנות גבוהות והמים אין יוצאים לחוץ, ולפי"ז במקוואות שלנו מותר לעשות כן, ומ"מ יש לדון בזה משום איסור בורר (עיי' ערוה"ש ה), וכ"ש אם משתמש במסננת דחשיב בורר בכלי.

### ג. האם מותר להבטיח בשבת כסף לצדקה או ספרים עבור ביהמ"ד ?

בשו"ע נת' שאין להקדיש חפצים לגבוה בשבת, דדמי למקח וממכר, שמוציא החפץ מרשותו לרשות גבוה, אכן, כמבו' במ"ב (כאן בקיצור, ובסי' ש"ו באריכות) דין זה הוא רק במקדיש חפץ מסויים ומביאו לידי הקדש בשבת, אבל אין בכלל זה אם מבטיח כסף לצדקה בשבת, וכן אם מתחייב ליתן חפץ בשבת, כיון שמעביר החפץ לידי הקדש לאחר השבת (ובסי' ש"ו נת' עוד שאם הקדיש החפץ מערב שבת מותר להביאו לביהכנ"ס בשבת).

### ד. האם מותר לגמור שידוך בשבת ?

בשו"ע נת' שאין מקדשין בשבת משום חשש שמא יכתוב, וכתבו הפו' (כה"ח שו, נ) שמטעם זה אין לגמור שידוך בשבת ע"י קנין סודר, משום שיש לחוש שיכתבו התחייבויות הצדדים וכו', ומ"מ מותר לגמור שידוך ע"י תקיעת כף, וכל שכן, שמותר לדבר ולהציע שידוכים, ואדרבה, מצוה יש בדבר כנת' בסי' ש"ו (ו).

### ה. תינוק בכור שנולד ביום ה', מתי עושים לו פדיון הבן ?

נת' בשו"ע שאסור לפדות הבן בשבת אפילו אינו פודה במטבעות, רק בכלי ששוויו ה' סלעים משום דדמי למקח וממכר, ובמ"ב (כז) האריך מדוע אין שום אפשרות להתחיל הפדיון מע"ש ולסיים בשבת, ועיי"ש שאפי' באופן שבערב שבת כבר כלו כ"ט יום וי"ב שעות ומ"ד דקות משעת לידתו שהוא המנין של חודש שלם כשמחלקים את שנת הלבנה לי"ב, ויש דיעות שאז כבר יכולים לפדותו יש להמתין עד שישלמו לו ל' יום שלמים, ולפדותו ביום ל"א, וכיון שהוא בשבת דוחין הפדיון למוצאי שבת.